ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ט"ז חשון תשס"ו

## פרשת וירא

טייערע קינדער שלוחים

איך בין זיכער אז איר הערט דאס גאנץ אפט "חני, איך דארף האבן דיין בעט היינט, מיר האבן געסט." "לוי, דו וועסט היינט ביינאכט שלאפן אין זעלבן צימער ווי שמואלי און שלום...." "רבקה, ווען דו קומסט אהיים פון סקול וועסטו גלייך קומען אין קיך העלפן מיר צוגרייטן אויף שבת – מיר האבן אסאך געסט דעם שבת!"

א גרויסע חלק פון אייער שליחות איז די הכנסת אורחים וואס איר טוט פאר אלע געסט וואס קומען. זיי קומען פאר א סעודה, אדער אויף א גאנץ שבת, און אמאל אפילו אויף א לענגערע צייט. אמאל איז עס ניט אזוי גרינג אוועקצוגעבן פון די אייגענע צייט און זאכן צו האבן געסט אין שטוב, אבער די שכר איז גאר גרויס. ווען איינער קומט אין דיין שטוב און דו מאכסט אים פילן באקוועם, דורך דעם זעט ער וואס איז א אידישע לעבן. און דאס פועל'ט אמאל אסאך מער ווי אלע אנדערע זאכן וואס א מענטש קען לערנען. קינדער, דאס איז אייער חלק אין די שליחות. אין דעם וואק'ס פרשה לערנען מיר וועגן די הכנסת אורחים פון אברהם און וויפל דער אויבערשטער האט אים געבענטשט אויף דעם. קינדער דורך אייער מסירת נפש אין אריינעמען מענטשן אין אייער שטוב, וועט דער אויבערשטער שיקן אלע ברכות, ובעיקר די גאולה האמיתית והשלימה נאו ממש!!

א. וועכטער



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת וירא

**הכנסת אורחים**

אין אנהויב פון פרשת וירא באשרייבט די תורה קלאר וועגן דער הכנסת אורחים פון אברהם און שרה, און דאס קומט צוזאמען מיט דער בשורה וועגן דער געבורט פון יצחק - דער ערשטער איד וואס איז געבארן געווארן אלס א איד.

מיט דער דערציילונג - אז בשעת דער בשורה וועגן לידת יצחק האבן אברהם און שרה זיך פארנומען מיט הכנסת אורחים - שטרייכט אונטער די תורה אז דער געבורט פון דעם ערשטן אידישן קינד וואס איז געבארן געווארן אלס איד, איז פארבונדען מיט הכנסת אורחים און גמילות חסדים.

די הויפט עבודה פון אברהם און שרה איז געווען צדקה און גמילות חסדים, און אין דעם וועג האבן זיי דערצויגן זייער זון יצחק, און אין אן אופן אז ער וועט עס אויך איבערגעבן צו זיינע קינדער עד סוף כל הדורות. דערפון לערנט מען אפ אז איינע פון די הויפט זאכן וואס יעדער פון "צבאות ה'" וואס דאס זיינען אלע אידישע קינדער דארפן דורכפירן, איז דער ענין פון גמילות חסדים.

אין גמילות חסדים איז פאראן גמילות חסדים אין פשוטן מיינונג - טאן א חסד מיט א צווייטן איד ( א אינגעלע מיט א אינגעלע און א מיידעלע מיט א מיידעלע), און ס'איז אויך דא גמילות חסדים וואס מ'טוט מיט דער נשמה, וואס דאס מיינט אז דורך דעם וואס א איד פירט זיך אין א אידישע וועג, ער לערנט תורה און איז מקיים מצוות איז ער דעמאלט "גומל חסד" מיט זיין נשמה.

מ'דארף דערציילן א צווייטן קינד וועגן דעם ערשטן אידן אברהם אבינו און וועגן די ערשטער אידישע פרוי שרה אמנו און דערציילן אים וויאזוי זיי האבן זיך געפירט און אז זיי האבן אנגעזאגט אז אזוי זאלן זיך פירן אידישע קינדער אין אלע דורות און אין אלע ערטער!

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת י"ט ניסן תשמ"א)*



## משיח נאו!

יעדער איד –מאן און פרוי, עלטערע און קינדער מוזן פרעגן ביי זיך "<u>וואס האב איך געטאן און וואס טו איך צו</u> מאכן גרינגער די שוועריקייטן פון חבלי משיח און <u>זוכה צו זיין צו די גאולה שלימה</u> דורך משיח צדקנו?!"

(פון די ווערטער פון דעם פריערדיקן רבי'ן - געשריבן אין אנהויב פון די היום יום)

# דעם חסידישן לוח

## כ׳ חשון



### די יום הולדת פון דער רבי רש״ב

רביצין רבקה דערציילט... איין נאכט האט זי געהאט א חלום. אין איר חלום איז געקומען צו איר איר מאמע, און איר זיידע - דער מיטעלער רבי. איר מאמע האט איר געזאגט אז זי זאל שרייבן א ספר תורה, און דער זיידע האט צוגעלייגט "און דו וועסט האבן א גוטע זון - און ווען דו וועסט אים דעבן א נאמען, פארגעס ניט אויף מיין נאמען." א פאר טעג שפעטער האט רביצין רבקה געהאט נאך א חלום. אין דעם חלום איז געקומען צו איר אויך דער אלטער רבי. צום סוף פון חלום האט ער גענעבן א ברכה און רביצין רבקה האט געזאגט "אמן".

ווען זי איז אויפגעשטאנען האט זי באמערקט אז איר מאן - דער רבי מהר"ש האט געהערט ווי זי האט געזאגט "אמן"!

ווען ער האט איר געפרעגט אויף וואס זי זאגט "אמן" האט זי אים דערציילט וועגן די צוויי חלומות.

זיי האבן גלייך באשלאסן בעטן איינער שרייבן פאר זיי א ספר תורה, אבער עס האט גענומען צייט ביז מען האט געמאכט די ספר תורה, ווייל מען האט עס געמאכט אין די בעסטע וועג.

ניט לאנג שפעטער איז געבארן געווארן זייער זון וואס ער איז שפעטער געווען דער רבי רשב. מען האט ניט פארגעסן פון די ערשטע חלום און זיין נאמען איז געווען שלום דובער - "דובער" אויף דער מיטעלער רבי.

***"דער אויבערשטער באווייזט זיך***
***צו אברהם אבינו"***
***האט דער רבי רשב צו זיין זיידע געוויינט***
***פארוואס קען איך ניט זען ה'?***
***און ער האט דאס מיט גאנצע הארץ***
***געמיינט.***

***מיר מוזן לערנען פון די מעשה***
***אז מען מוז בעטן וויפל מען קען***
***"ווי וואנט משיח נאו"***
***דער אויבערשטער דאן צו זען!***

ווען דער רֶבִּי רַשַ"ב, אִיז געווען אַ קִינְד פוּן פִיר אָדעֶר פִינְף יאָר. האָט אִים זַיין מוּטעֶר הַרִבָּנִית רִבְקָה אַרַיינגעֶפִירט צוּ זַיין זַיידֶע דעֶר צֶמַח צֶדֶק מְקַבֵּל זַיין אַ בְּרָכָה", לִכְבוֹד זַיין יוֹם הוֹלֶדֶת בְּשַׁבָּת קוֹדֶש פרשת וירא.

אַרַיינגֵייעֶנדִיק צוּם צֶמַח צֶדֶק, האָט עֶר זִיך פאַרנאַנדֶער – געֶוויינט. האָט אִים דעֶר צֶמַח צֶדֶק געֶפרעֶגט וואָס וֵויינט עֶר, האָט עֶר גֶענטפֶערט, אַז ער האָט גֶעלֶערנט אִין חֵדֶר אַז דעֶר אוֹיבֶּערשטעֶר האָט זִיך באַווִיזן צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ, און צוּ אוּנז באַווייזט עֶר זִיך נִיט, אוֹיף דעֶם וֵויינט עֶר.

האָט אִים דעֶר צֶמַח צֶדֶק געֶענטפֶערט: אַז אַ אִיד אַ צַדִיק צוּ נַיין און נַיינצִיק יאָר בּאַשלִיסט אַז עֶר דאַרף זִיך מַל זַיין – ווערן בֶּעסֶער אִיז עֶר ווערט אַז דער אוֹיבֶּערשטעֶר זאָל זִיך בּאַוֵויזעֶן צוּ אִים.

זאָגט דעֶר רֶבִּי, אַז פון דִי מַעְשֶׂה דאַרפן מִיר אָפלֶערנֶען צוֵויי זאַכן.

1. פון דעֶם רֶבִּינ'ס וֵויינעֶן, קעֶן מעֶן אָפּלֶערנֶען, אַז יעֶדעֶר אִיד קעֶן מאָנעֶן, אַז דעֶר אוֹיבֶּערשטעֶר זאָל זִיך בּאַוֵוייזן צוּ אִים אַזוֹי וִוי צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ.

2. פוּן דעֶם צֶמַח צֶדֶק'ס עֶנטפעֶר קעֶן מעֶן אָפּלעֶרנעֶן – אַז אֶמֶת טאַקעֶ יעֶדעֶר אִיד קעֶן מאָנעֶן אַז דעֶר אויבעֶרשטעֶר זאָל זִיך צוּ אִים באַוֵוייזן, עֶס פאָדעֶרט זִיך אָבּעֶר אַן הַקְדָמָה: ער זאָל וִויסן אַז ער דאַרף זיך מַל זַיין–וואס דאס מיינט –ווערן בּעֶסעֶר.



## דערציילט מיר א מעשה

דִי צוֵויי זִין פוּן רבי'ן מַהַרַ"ש, דעֶר רַזָ"א[1] (ר' זַלְמַן אַהֲרֹן) און דעֶר רֶבִּי רַשַ"ב[2] (רַבֵּינוּ שָׁלוֹם דוּבֶּעֶר) פלעֶגעֶן אַרַיינגֵיין יעֶדעֶר טאָג, צוּ זֵייעֶר זֵיידעֶ'ן דעֶם צֶמַח צֶדֶק, און עֶר פלעֶגט זֵיי געֶבּעֶן אַ מַטְבֵּעַ (געֶלט).

דעֶר לעֶצטעֶר מאָל, פאַר דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן דעֶם צֶמַח צֶדֶק, האָט דעֶר רַזָ"א זִיך פאַרשפֶּעטִיקט, און דעֶר רֶבִּי רַשַ"ב, אִיז אַלֵיין אַרֵיין צוּ זַיין זַיידעֶ'ן.

דעֶר צֶמַח צֶדֶק האָט עֶם דעֶם מאָל געֶגעֶבּעֶן, אַ האַלבּעֶ רוּבּל. און געֶזאָגט "דאָס אִיז אַ מַחֲצִית הַשֶׁקֶל".

אִין דעֶם וואָרט מַחֲצִית אִיז דעֶר אוֹת "צ" אִין מִיטעֶן. דִי אוֹתִיוֹת לעֶבעֶן דעֶם "צ" זַיינעֶן ח און י = חַי, און דִי אוֹתִיוֹת וועֶלכעֶ זַיינעֶן וֵוייט פוּן צַדִיק זַיינעֶן מ און ת = מֵת.

דאָס אִיז דִיר צוּ אוֹיסלֶערנֶען, אַז דעֶר וואָס אִיז נאָעֶנט צוּ אַ "צַדִיק", אִיז אַ לעבּדִיקעֶר אִיד עֶר אִיז חַי!".

און דוּרך דעֶם וואָס מִיר האַלטְן זִיך נאָעֶנט צוּם רֶבִּי'ן (הִתְקַשְׁרוּת) וועֶלן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז נִיט נאָר וואָס מִיר זַיינעֶן חַי נאָר מִיר וועֶלן זוֹכֶה זַיין זעֶן זִיך מִיטְ'ן רֶבִּי'ן דאָ לְמַטָה נְשָׁמָה בְּגוּף, וְהוּא יִגְאָלֵנוּ.

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,כ' חשון, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

# פרשת וירא

וועו איז דער רבי רשב'ס געבורט טאג? ______

וואו איז דער רבי רש"ב געבארן געווארן? ______

ווער איז געווען זיין הייליקן טאטע? ______

ווער איז געווען זיין הייליקן מאמע? ______

וועלכע רבי איז געקומען צו רביצין רבקה אין חלום צוזאמען מיט דער ______

וואס האבן דער רבי מהרש און רביצין רבקה געשריבן אין זכות פון ______

וואס איז געווען דער רבי רשב'ס נאמען ? ______

נאך וועמען איז דער רבי רשב'ס צווייטע נאמען? ______

ווער איז געווען זיין רביצין? ______

וועלכע ישיבה האט ער אנגעהויבן? ______

ווער איז געווען זיין זון? ______

וואו איז זיין אהלי? ______

| | | | |
|---|---|---|---|
| ליובאוויטש | תורה | תומכי תמימים | רוסטוב |
| רביצין רבקה | אלטער רבי | דער פריערדיקער רבי | מיטעלער רבי |
| שלום דובער | רבי מהר"ש | ב' ניסן | יוסף יצחק |

די געווינער פון פרשת לך לך: מוסי שם-טוב, 9 פון מישיגן

נאמען: ______ ווי אלט: ______

אדרעס: ______

אי-מייל: ______

הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org